וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א


# קרית ברסלב בשטעטל


פרשת שלה, כ"ה סיון תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון פ"א


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......................8:11
מוצאי שבת...........................9:42

## א מעשה פון תפלה

### יעקב משה אינדארסקי

א) מיין וואסער אינדערהיים האט זיך אפגעשטעלט - עס איז נישט געקומען מער קיין וואסער פונעם קוואל, גלייך האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר העלפן איך זאל קענען האבן וואסער פאר מיר און פאר די גאנצע משפחה, שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט טרעפן א אינגערמאן וואס זאל אריבער קומען און עס קומען פאררעכטן, און ביז אפאר מינוט האט ער עס פארראכטן, און עס האט ברוך השם ווייטער אנגעהויבן צו קומען פיינע פרישע וואסער. שכח אייבערשטער!

ב) פארגאנגענעם מיטוואך בין איך אריין געפארן מיט די ישיבה קטנה בחורים צום שיעור אין ישיבה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל גלייך טרעפן פארקינג נעבן די ישיבה, און זיך נישט דארפן זיך ארום דרייען און פארלירן טייערע צייט פון מיר און פון די בחורים, שכח אייבערשטער מען איז אנגעקומען און גלייך האט מען געטראפן פארקינג.

### סענדי ראטה

מיין טאכטער האט באקומען אן אינפעקשן ל"ע, דער דאקטער האט געהייסן גלייך אריינפירן אין שפיטאל, און דארט האבן זיי געזאגט אז עס זעהט אויס זייער שרעקעדיג, און מען מוז גיין צו א גרעסערע שפיטאל, איך האב א גאנצן צייט געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל זיין גוט און זי זאל שוין קענען אהיים קומען פון שפיטאל געזונט און שטארק ווי אמשנעלסטן, אויך איז דאס געווען פאר יום טוב שבועות, און איך האב זייער שטארק געוואלט זיין אין שטעטל פאר יום טוב.

למעשה האט עס גענומען אפאר טעג ווילאנג זיי האבן געמאכט זייערע טעסטן וואס מען דארף מאכן, נאך אפאר טעג זענען זיי געקומען זאגן אז זיי גייען נישט ארויס לאזן פאר א וואך צוויי, ווייל זיי זענען נאך אלץ נישט קלאר וואס דאס איז, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען ארויס גיין פון שפיטאל ווי שנעלער, נאך אפאר טעג זענען זיי געקומען זאגן אז מיר האבן א גרויסע נס אז מען האט דאס געכאפט באצייטענס, און די אינפעקשן האט זיך נאכנישט אריינגעכאפט אין די בלוט, וואס דעמאלטס איז דאס אסאך שווערער צו היילן. אבער זיי האבן נאך אלץ ג'עצה'ט מען זאל בלייבן נאך אפאר וואכן אין שפיטאל. שבת פאר יום טוב האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל מיר נאך ארויס לאזן מארגן ערב יום טוב, למעשה זונטאג אינדערפרי האט פאסירט א נס, זיי זענען מיר געקומען זאגן אז איך קען רואיג אהיים גיין, נאר איך זאל מאכן זיכער צו ווייטער געבן די מעדעצינען אינדערהיים. שכח אייבערשטער פאר דעם גרויסן נס!

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**איידיק ראטה נ"י וזוגתו פייגא יוטא תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד
און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

## נייעס אין שטעטל

### קביעת מזוזה ביים בית הדפוס אין שטעטל

פארגאנגענעם ערב שבת קודש פרשת נשא איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער געקומען צום בנין פון קרן הדפסה וואס איז אינטערן בית המדרש, צו קומען מיטהאלטן די אקטיוויטעטן פונעם קרן הדפסה פונדערנאנט.

צום ערשט האט דער ראש ישיבה שליט"א געלייגט מזוזות אויף די נייע טירן, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אומגעקוקט אויף די פילע מאשינען, און געהערט א באריכט איבער די נייע מאשינען וואס קומען צו בעזרת השם.

אויך איז געווארן אויסגעשמועסט מיטן ראש ישיבה שליט"א איבער נאך פארשידענע געדאנקען מיט וואס מ'קען העלפן בעסער מאכן דעם בית הדפוס, צו קענען דריקן נאך מער ספרים און קונטרסים, צו מחיה זיין די גאנצע וועלט מיט די לעכטיג עצות פון הייליג'ן רבי'ן.

אזוי אויך האט מען געוויזן פארן ראש ישיבה שליט"א די ארבעט וואס ווערט יעצט דורכגעפירט אינעם בית הדפוס איבערצומאכן די עלעקטריק אינעם בנין, כדי עס זאל קענען דערהייבן די פילע פרישע גרויסע מאשינען וואס מ'גייט מיטן אייבערשטענ'ס הילף אריינברענגען.

די קרן הדפסה אין שטעטל איז דער צענטער פון וואו די פילע הדפסה און הפצה אקטיוויטעטן גייען ארויס, דא ווערט געדרוקט טויזנטער קאפיעס פון די פולע ספרים און קונטרסים, און דאס ווערט פארשפרייט דורך די חשובע מפיצים אין אלע געגענטער, און ברענגט אריין די ליכטיגקייט און עצות פון הייליג'ן רבי'ן צו טויזנטער שטובער.

אזוי אויך ווערט דא געדריקט די צענדליגע טויזנטער קאפיעס פון די פילע גליונות און קונטרסים וואס ווערט פארשפרייט וועכענטליך אין די בתי מדרשים, און אזוי אויך ווערט עס געשיקט אויף די פאסט דורך סובסקריבשאנס און דורכ'ן נייעם אויפגעכאפטן וועבסייט.

### א וועלט פון חיזוק קאמפיין תשפ"א

ווי אלע האלטן מיט גרייט מען זיך צום יערליכן קאמפיין פאר די הייליגע מוסדות, געלויבט דעם אויבערשטן אז די קאמפיינס פון די לעצטע פאר יאר זענען געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה; די קאמפיינס זענען ברוך השם געווען א שטארקע הילף פאר דער ראש ישיבה שליט"א אז ער זאל קענען ווייטער אנגיין מיט די הייליגע ארבעט פון אויפשטעלן מוסדות החינוך, צו מחנך זיין די קומענדיגע דורות אויפן ערליכן וועג ווי דער הייליגער רבי זי"ע האט אונז געלערנט אויף די יסודות וואס מוהרא"ש זי"ע האט אונז אוועק געשטעלט, אזוי אויך מיט די ארבעט פון פארשפרייטן דאס לעכטיגקייט פון הייליגן רבי'ן אויף דער גאנצער וועלט.

היי יאר מאכט מען בעזרת השם יתברך א פרישע קאמפיין – אבער דאס מאל מיט פילע חידושים און נייע געדאנקען. דער נאמען פונעם קאמפיין "א וועלט פון חיזוק" – רעדט שוין פאר זיך אליינס.

קומענדיגע וואך וועט פארקומען אין שטעטל א מסיבות הכרת הטוב פאר אלע וואס האבן ארויס געהאלפן מיט די קאמפיין פאריגע יאר, עס וועט פארטיילט ווערן שיינע מתנות און תעודות פאר אלע וואס האבן אנטייל גענומען אינעם קאמפיין, און דאס וועט אויך זיין א חיזוק צו ארויסהעלפן פאר דעם היי יעריגן קאמפיין וואס וועט פארקומען קומענדיגן דינסטאג און מיטוואך פרשת קרח הבעל"ט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל אלץ קענען האבן די זכיה ארויסצוהעלפן דעם הייליגן רבינ'ס מוסדות, פון וואו עס קומט ארויס חיזוק פאר די גאנצע וועלט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ: זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ אַ שִׁיעוּר, אָדֶער אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער בַּיינַאכְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ - צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא. אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אַז **אַלֶע אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן קוּמֶען אָדֶער אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער בַּיינַאכְט - לֶערְנֶען**, אָדֶער מִיט אַ חַבְרוּתָא אָדֶער זִיצְן בַּיים שִׁיעוּר גְמָרָא.

נָאר דָאס וֶועט פוּן אוּנְז אִיבֶּערְבְּלַייבְּן, דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה, דָאס בִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, דִי מִקְוֶה וָואס מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ, דִי פְּרוּטוֹת פַּאר צְדָקָה, שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים; **נָאר דָאס וֶועט פוּן אוּנְז בְּלַייבְּן.**

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע וָואךְ אַ טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ, אַן אִימֶעיל אָדֶער אַ בְּרִיוו - וָואס דוּ לֶערְנְסְט אוּן וִויפִיל דוּ לֶערְנְסְט; **אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַן אָרִימַאן** - נַאקֶעט פוּן תּוֹרָה, נַאקֶעט פוּן תְּפִלָּה.

**שְׁרַייבּ מִיר אוֹיבּ דוּ גֵייסְט צוּ אַ שִׁיעוּר, אָדֶער אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ חַבְרוּתָא - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.**

~ ~ ~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן הַצַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מָשִׁיחַ וֶועט מַאכְן אַ דֶרֶךְ כְּבוּשָׁה, אַזוֹי ווִי יֶעדֶער אִיד לֵייגְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג - וֶועט יֶעדֶער אֵיינֶער גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, עֶס וֶועט זַיין אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער וֶועט טוּן".

וָואס דַארְף מֶען וַוארְטְן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען? מִיר קֶענֶען עֶס שׁוֹין יֶעצְט טוּן; זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען יֶעדְן טָאג, חָק וְלֹא יַעֲבֹר, **צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין דַיין פֶעלְד**. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ מִיט דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן, אַלֶע זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, טוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

**אִיךְ וֶועל אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּ דִי אַיינְווֹאוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - בִּיז אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, אִיר אַלֶע ווֶעלְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת**, דִי עֶלְטֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער; אַלֶע וֶועלְן גֵיין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, **עֶס וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן אִין שְׁטֶעטְל אַ לוּפְט פוּן גַן עֵדֶן.**

~ ~ ~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ קוֹיפְסְט יֶעצְט אַ דִירָה אִין שְׁטֶעטְל, **דוּ קוּמְסְט ווֹאוֹינֶען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דִי תַּקָנוֹת פוּן אוּנְזֶער שְׁטָאט.**

בַּיי אוּנְז דַארְף מֶען הָאבְּן **שָׁלוֹם בַּיִת**, מֶען דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת. מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, מֶען מוּז מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; דָאס אִיז בַּיי אוּנְז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט שָׁלוֹם בַּיִת פַּאר אַ יְסוֹד צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; לֵיידֶער אִין בְּרֶסְלֶב זֶענֶען נִישְׁט אַלֶע דָאס מְקַיֵּים, אָבֶּער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם.

אַז דַיין הוֹיז וֶועט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי אַלֶע כֵּלִים וָואס הָאבְּן אִינְטֶערְנֶעט וְכַדוֹמֶה - וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר אוֹיף אַ בַּאזוּךְ, **אִיךְ וֶועל אִיבֶּערְלָאזְן אַ בְּרָכָה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.**

~ ~ ~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דַיינֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; **דוּ גֵייסְט מִיט זֵיי אִין פֶעלְד**, דוּ מַאכְסְט מִיט זֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, דוּ לֶערְנְסְט זֵיי אוֹיס ווִי אַזוֹי צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אוּן פְּרַט.

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת פַּאר דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל דַיין הַנְהָגָה, אַז דוּ גֵייסְט מִיט דַיין זוּן אִין פֶעלְד, דוּ זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוֹיף דִי גְרָאז מִיט אִים אוּן דוּ דַאנְקְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים אוֹיף אַלֶעס. דוּ הֵייבְּסְט אָן בַּיים קַאפְּל, דוּ דַאנְקְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ אַ קַאפְּל, הָאר אוּן אַ קָאפּ; אוֹיעֶרְן, נָאז, מוֹיל, בַּאקְן, פֵּיאוֹת", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; **דִי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם**, עֶטְלִיכֶע הָאבְּן מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זֵיי הָאבְּן דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן מִיט זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן אַזוֹי טוּן, **דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל הָאט נָאר דִי אֵיין מַעֲלָה**, אַז מֶען קֶען לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אֱמוּנָה, דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פִּילֶעוֶוען אֱמוּנָה, דִי לוּפְט אִיז רֵיין; נִישְׁטָא קַיין הִסְתַּכְּלוּת אֲסוּרוֹת.

**וואוֹיל אִיז דֶער וָואס נוּצְט אוֹיס דִי פְּלַאץ אוֹיף גוּטֶע זַאכְן.**

~ ~ ~


**_דער הייליגע רבי האט זיך אמאל אויסגעדריקט: ביי וועם איך נעם._**

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א) וועט האבן הצלחה
ב) געב איך
ג) וועט האבן יראת שמים
ד) וועט לעבן לאנג

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז פייגי וויינבערג תחי' קרית ברסלב ליבערטי

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

דורך תפלה קען מען צוקומען צו אלעס



סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער געטרייע חבר, וואס העלפט שטענדיג ארויס דעם שטעטל

החתן לייבי ראטה נ"י

צום שידוך שליסן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קיימא א בנין עדי עד.



"א וועלט פון חיזוק"

קומענדיגן דינסטאג און מיטוואך פרשת קרח

צו געבן אייער נדבה גייטס ארויף צו

charidy.com/breslev

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

א וועלט פון חיזוק